Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנער

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 20, נומער 1 (96) — חשוון תּשע״ה/אָקטאָבער 2014

די נאָבעל־פּרעמיע[1] פֿאַר ליטעראַטור איז הײַיאָר צוגעטיילט[2] געוואָרן דעם פֿראַנצייזישן שרײַבער פּאַטריק מאָדיאַנאָ, אַ פֿרוכפּערדיקער[3] פּראָזאַיִקער, וואָס ווערט אָפּגעשאַצט[4] אי פֿון דער קריטיק אי פֿונעם ברייטן עולם[5]. די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט אים אויסגעקליבן צוליב זײַן „קונסט אַרויסצוברענגען[6] די אומבאַגרײַפֿלעכע[7] מענטשלעכע גורלות[8] און באַשרײַבן די צײַט פֿון דער אָקופּאַציע“, און האָט אים אָנגערופֿן „דער מאַרסעל פּרוסט[9] פֿון אונדזער צײַט“. כאָטש[10] מאָדיאַנאָס נאָמען איז זייער באַקאַנט, ווייס מען ניט קיין סך וועגן אים ווי אַ מענטש ווײַל ער רעדט ניט גרינג וועגן זיך אַליין, אַפֿילו[11] ווען ער שרײַבט כּלומרשט[12] אויטאָביאָגראַפֿיש.

# זוכנדיק פּאַטריק מאָדיאַנאָ
## פֿון עוולין גרומבערג

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַן ערנסטע פּובליקאַציע – מיר גיבן אָן נאָר פֿעסטגעשטעלטע[13] פֿאַקטן. אָט זענען זיי : 1. מען האָט צוגעטיילט די נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור 2. פּאַטריק מאָדיאַנאָ איז געבוירן געוואָרן (אין יעדן פֿאַל עמעצער וואָס מע רופֿט אים מיט אַזאַ נאָמען – ער אַליין איז נישט זיכער מיט גאָרנישט). אפֿשר[14] נישט ער האָט דאָס באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע, נאָר עפּעס אַן אַנדער „איך“. יענער „איך“ האָט שוין אין 1968, אין אַ ראָמאַן מיטן טיטל דער פּלאַץ פֿונעם שטערן[15], געזאָגט : „פֿון מײַן זײַט[16] האָב איך באַשלאָסן צו זײַן דער גרעסטער פֿראַנצייזישער ייִדישער שרײַבער נאָך מאָנטען[17], מאַרסעל פּרוסט און לויִ־פֿערדינאַנד סעלין[18]“... גיי שרײַב וועגן אַזאַ מענטש אַז ער אַליין, אין זײַן אַזוי גערופֿענער[19] אויטאָביאָגראָפֿיע אַ ייִחוס־בריוו[20], שרײַבט : „ס'איז אַ ביאָגראַפֿיע פֿון עמעצן אַנדערש“.

אַזוי אַרום, ווען מיר פּרוּוון דאָ דערציילן אַ פּאָר פּרטים[21], שוועבט[22] לעבן אונדז אַ שדיש שמייכלענדיק פּנימל[23] : פּאַטריק מאָדיאַנאָ איז געבוירן געוואָרן אין 1945 אין אַ פֿאָרשטאָט פֿון פּאַריז. זײַן טאַטע איז געווען אַ ייִד אַ געבוירענער אין סאַלאָניקע, זײַן מאַמעס משפּחה[24], נישט קיין ייִדישע, האָט געשטאַמט פֿון ענגלאַנד און פּיקאַרדיע. ביידע זענען געווען שטיקלעך[25] אַוואַנטוריסטן וואָס האָבן צווישן אַנדערע געפֿירט געשעפֿטן מיט דער געסטאַפּאָ אין פּאַריז בשעת[26] דער אָקופּאַציע.
אין זײַנע יונגע יאָרן האָט פּאַטריק מאָדיאַנאָ ניט לאַנג געלעבט מיט זײַנע עלטערן, נאָר געוואַנדערט צווישן אַמען און אינטערנאַטן[27]. צו פֿופֿצן יאָר האָט ער זיך געלערנט מאַטעמאַטיק (!) בײַ דעם שרײַבער רעמאָנד קענאָ[28], זײַן מאַמעס אַ פֿרײַנד, וואָס האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין ליטעראַרישע קרײַזן. אין 1966 האָט ער אָנגעהויבן פּובליקירן. אַ דרײַסיק ביכער זענען דערשינען, אַרײַנגערעכנט[29] ביכער פֿאַר קינדער. פֿאַר די גאַס פֿון די פֿינצטערע קראָמען[30] האָט ער באַקומען די גאָנקור־פּרעמיע[31], און פֿאַר די אומקרײַז־בולוואַרן[32] – די ערשטע פּרעמיע פֿון דער פֿראַנצייזישער אַקאַדעמיע. זײַן לעצט בוך, נאָר וואָס אַרויס, הייסט כּדי דו זאָלסט נישט פֿאַרבלאָנדזשן אין דער געגנט[33]. ער האָט אויך געשריבן זינגלידער און מיטגעאַרבעט בײַ אַ צענדליק פֿילמען, צווישן זיי לאַקאָמב לוסיען[34].


**פּאַטריק מאָדיאַנאָ פֿאָטאָגראַפֿירט דורך אָליוויע ראָלער (2007). מיר באַדאַנקען דעם פֿאָטאָגראַף פֿאַר דער מעגלעכקייט אָפּצודרוקן דאָס בילד אומזיסט.** © Olivier Roller

[סוף אויף ז' 8]

1. Prix Nobel/Nobel Prize 2. décerné/awarded 3. prolifique/prolific 4. apprécié/appreciated 5. ... OYLEM grand public/general public 6. exprimer/express 7. insaisissables/elusive 8. GOYROLES destinées/destinies, *sing.* גורל GOYRL 9. Marcel Proust (1871-1922) 10. bien que/although 11. AFILE même/even 12. KLOYMERSHT pseudo, soi-disant/ostensibly 13. établis/established 14. EFSHER peut-être/perhaps 15. *La Place de l'étoile* 16. pour ma part/as for me 17. Michel de Montaigne (1533-1592) 18. Louis-Ferdinand Céline (1894-1961) 19. qu'on appelle/so-called 20. YIKHES-... *Un Pédigrée* 21. PROTIM détails, *sing.* פּרט PRAT 22. flotte/floats 23. SHEDISH ... PE'NEML petit visage souriant diaboliquement/devilish smiling little face 24. MISHPOKHE famille/family 25. un peu/something of 26. BESHA'S pendant/during 27. nourrices et internats/nursemaids and boarding schools 28. Raymond Queneau (1903-1976) 29. y compris/including 30. *Rue des boutiques obscures* 31. Prix Goncourt 32. *Les Boulevards de ceinture* 33. KEDE'Y... *Pour que tu ne te perdes pas dans le quartier* 34. *Lacombe Lucien* (Louis Malle, 1974)

דעם 14 אָקטאָבער 2014 האָט מען אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק געפּראַוועט[1] די 70 יאָר זינט דעם ווי די ביבליאָטעק האָט זיך ווידער געעפֿנט אין 1944 נאָך דער דײַטשישער אָקופּאַציע פֿון פֿראַנקרײַך. דעמאָלט האָט מען איר געגעבן אַ נײַעם נאָמען – מעדעם[2]־ביבליאָטעק (אין די יאָרן 1928–1940 האָט זי געהייסן נאָמבערג[3]־ביבליאָטעק). דער נײַער דירעקטאָר פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק, טל חבֿר־כיבאָווסקי[4], אַ יונגער פֿאָרשער[5] און ייִדישיסט, האָט צו דער געלעגנהייט[6] געוואָלט דערמאָנען די געשטאַלט פֿון וולאַדימיר מעדעם.

# ווער איז געווען וולאַדימיר מעדעם ?

## פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי

בײַ דער ווידער־דערעפֿענונג[7] פֿון אונדזער ביבליאָטעק מיט 70 יאָר צוריק האָט מען איר געגעבן דעם נאָמען „מעדעם־ביבליאָטעק“ אין אָנדענק פֿון וולאַדימיר מעדעם, אַ בונדישער מנהיג[8], אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער, אַ טאַלאַנטירטער ייִדיש־שרײַבער, אַ רעדאַקטאָר, אַ כאַריזמאַטישער רעדנער און אַ קולטורמענטש. וואָלט זיך געפּאַסט צו שטעלן די פֿראַגע פֿאַר וואָס ער איז געווען וויכטיק פֿאַר אונדזער אינסטיטוציע מיט 70 יאָר צוריק און פֿאַר וואָס ער קען זײַן וויכטיק הײַנט.

מע קען ניט זאָגן אַז מעדעם האָט געזויגן דעם ייִדישיזם מיט דער מאַמעס מילך[9]. נישט אַלע ווייסן אַז דער צוקונפֿטיקער בונדיסט, וואָס האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַ פּאָר ביכער אויף ייִדיש, האָט ווי אַ קינד קיין ייִדיש ניט געקענט און האָט זיך אַפֿילו[10] ניט געהאָדעוועט[11] אין קיין ייִדישלעכער סבֿיבֿה[12]. באַלד נאָך זײַן געבורט, דעם 22סטן יולי 1879, האָבן מעדעמס עלטערן, רוסיפֿיצירטע מינסקער ייִדן, אָפּגעשמדט[13] זייער זון. אַ קריסטלעך דערצויגענער, האָט זיך מעדעם דערנענטערט צו ייִדישקייט ערשט[14] אין גימנאַזיע[15] אונטער דער השפּעה[16] פֿון זײַנע ייִדישע חבֿרים[17]. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט מגייר געווען[18]. ער האָט דאָס נישט געהאַלטן פֿאַר נייטיק. זײַן ייִדישע אידענטיטעט האָט זיך גאָר נישט געשטיצט אויף רעליגיע, נאָר אויף ייִדישע קולטור און שפּראַך.

דערפֿאַר איז טאַקע אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן מעדעמס מיינונגען מכּוח[19] שפּראַך און קולטור.

קודם־כּל[20] דאַרף מען געדענקען אַז וולאַדימיר מעדעם איז געווען אַ גוואַלדיקער קולטור־טוער[21]. ער איז געווען איינער פֿון די אידעיִשע פֿאָטערס[22] פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער[23] שול־באַוועגונג אין פּוילן, וואָס איז געבוירן געוואָרן בשעת[24] דער ערשטער וועלט־מלחמה[25]. אויך נאָך דער מלחמה האָט ער זיך ווײַטער באַמיט[26] אויפֿצובויען ייִדישע שולן און קינדערהיימען[27]. זײַן גאַנץ לעבן, אויך ווען ער איז



**וולאַדימיר מעדעם**

אַוועק אין ניו־יאָרק, האָט ער געאַרבעט צו שאַפֿן קולטורעלע אינסטיטוציעס פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. דעריבער האָבן נאָך זײַן טויט אין 1923 עטלעכע ייִדישע אינסטיטוציעס געקראָגן זײַן נאָמען, ווי די באַרימטע מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין[28] לעבן וואַרשע, אָדער דער מעדעם־קלוב אין פּאַריז, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער אַרבעטער־רינג[29] און, נאָך דער מלחמה – אונדזער מעדעם־ביבליאָטעק.

אין זײַנע פּאָליטיש־וויסנשאַפֿטלעכע[30] שריפֿטן זײַנען די פֿראַגעס פֿון שפּראַך און קולטור אַ טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וואָס ער האָט געפֿאָרשט פֿון אַ סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן קוקווינקל[31].

אין זײַן הויפּטווערק פֿון 1904, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, געפֿינען מיר צוויי גאָר פֿאַרשיידענע מיינונגען וועגן קולטור : קולטור וואָס דינט דער בורזשואַזיע און קולטור וואָס דינט די פֿאָלקסמאַסן.

מעדעם באַשרײַבט די ראָלע פֿון שפּראַך און קולטור ווי אַ מיטל פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזיע צו מאָנאָפּאָליזירן דעם מאַרק[32]. ער שרײַבט : „די גאַנצע ראָלע שפּילט דאָ דער מיסחר[33], סײַ ווען עס רעדט זיך פֿון פּשוטע[34] מאַטעריעלע סחורות[35], סײַ פֿון גײַסטיקע פּראָדוקטן“. דעם קאַמף צווישן פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פֿאַרסך־הכּלט[36] מעדעם ווי אַ קאַפּיטאַליסטישן קאַמף צו פֿאַרגרעסערן דעם אייגענעם מאַרק, צו קריגן מער קונדן[37].

פֿון דער אַנדערער זײַט באַרעכטיקט[38] ער די נאַציאָנאַלע קולטור ווען זי דינט די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער און די פֿאָלקסמאַסן. „מיר זענען ניט קעגן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דער קולטור, מיר זענען קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק“, שרײַבט ער. אַזוי אָנערקענט מעדעם די וויכטיקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור ווי „דאָס איינציקע פֿענצטער דורך וועלכן [דער ייִדישער פּראָלעטאַריער

[סוף אויף ז׳ 8]

1. célébré/celebrated 2. Vladimir Medem (1879-1923) 3. Hersh-Dovid Nomberg (1876-1927) 4. TAL KHEVER ... Tal Hever-Chybowski 5. chercheur/scholar 6. à cette occasion/on this occasion 7. réouverture/reopening 8. ... MANEG dirigeant bundiste/Bundist leader 9. absorbé avec le lait de sa mère/absorbed with his mother's milk 10. AFILE même/even 11. élévé/brought up 12. SVIVE milieu 13. O'PGESHMAT converti/converted 14. seulement/only 15. lycée/high school 16. HASHPOE influence 17. KHAVEYRIM amis/friends, *sing*. חבֿר KHAVER 18. MEGAYER ... converti (au judaïsme)/converted (to Judaism) 19. MIKOYEKH au sujet de/concerning 20. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 21. grand militant culturel/ formidable cultural activist 22. théoriciens fondateurs/theoretical founders 23. laïque/secular 24. BESHA's pendant/during 25. MILKHOME guerre/war 26. s'efforçait/strove 27. maisons d'enfants/children's homes 28. Miedzeszyn 29. Cercle amical/Workmen's Circle (in France) 30. scientifiques/scientific 31. point de vue/viewpoint 32. marché/market 33. MISKHER commerce 34. PO'SHETE simples/ordinary 35. SKHOYRES marchandises/goods 36. FARSAKHAKLT résume/summarizes 37. clients/customers 38. justifie/justifies

אינעם לעצטן נומער פֿונעם ייִדישן טעם־טעם האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם אַמעריקאַנער זינגער פּיט סיגער[1]. מע האָט דאָרטן דערמאָנט דאָס באַרימטע ליד זײַנס „ווּ זשע[2] זענען זיי אַוועק, אַל די בלומען"[3]. עטלעכע לייענערס האָבן אונדז געפֿרעגט צי דאָס ליד איז אַ מאָל איבערגעזעצט[4] געוואָרן אויף ייִדיש. אַזוי ווי קיין איבערזעצונג האָבן מיר ניט געפֿונען, האָט אַ גרופּע ייִדיש־ און סיגער־ליבהאָבערס זיך צונויפֿגעקליבן[5] און זיך באַמיט[6] עס איבערצוזעצן אויף ייִדיש מיטן ריכטיקן ריטעם.

# ווּ זשע זענען זיי אַוועק, אַל די בלומען ?




ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די בלומען ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
מיידלעך האָבן זיי צעכאַפּט[7].
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?

ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די מיידלעך ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
מענער האָבן זיי צעכאַפּט.
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?

ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די מענער ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
זעלנער[8] זענען זיי געוואָרן.
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?

ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די זעלנער ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
אין די קבֿרים[9] שוין אַרײַן.
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן זיי פֿאַרשטיין ?

ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די קבֿרים ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
בלומען האָבן זיי באַדעקט.
אוי, ווען וועלן מיר פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן מיר פֿאַרשטיין ?

ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
אַל די בלומען ?
ווּ זשע זענען זיי אַוועק,
שוין לאַנג ניטאָ.

ווּ זשע זענען זיי אַוועק ?
מיידלעך האָבן זיי צעכאַפּט.
אוי, ווען וועלן מיר פֿאַרשטיין ?
אוי, ווען וועלן מיר פֿאַרשטיין ?



1. Pete Seeger (1919-2014) 2. où donc/where then 3. "Où sont parties toutes les fleurs ?"/"Where have all the flowers gone?" 4. traduit/translated 5. se sont réunis/gathered together 6. se sont efforcés/made an effort 7. les ont toutes prises/have taken them all 8. soldats/soldiers 9. KVORIM tombes/graves, *sing.* קבֿר KEYVER.

ענדרו פֿײַערשטיין[1] פֿון מעלבורן (אויסטראַליע) האָט אונדז צוגעשיקט אַ מעלדונג וועגן אַ נײַ בוך פֿון ישׂראל שטערן[2] וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט און וואָס ווערט צוגעגרייט צום דרוק[3] בשותּפֿות[4] דורך דער מעלבורנער קדימה[5]־ביבליאָטעק און דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק. שוין צען יאָר ווי ענדרו פֿײַערשטיין אַרבעט איבער אַ וועבאָרט[6] וואָס נעמט אַרום שטערנס שאַפֿונגען – לידער און עסייען – און זייערע ענגלישע איבערזעצונגען. דאָס נײַע בוך (וואָס מע קען שוין קויפֿן אויף אינטערנעץ) נעמט אַרײַן אַלע לידער, אַן עסיי פֿון יצחק ניבאָרסקי[7] און צייכענונגען פֿון שאַרין מאַדער[8]. מע דאַרף באַמערקן אַז דאָס איז דאָס ערשטע בוך אויף ייִדיש וואָס גייט אַרויס אין אויסטראַליע זינט 2008 !

# די געזאַמלטע לידער פֿון ישׂראל שטערן

## פֿון ענדרו פֿײַערשטיין


**ישׂראל שטערן**

אין מעלבורן וועט מען אין קורצן אַרויסגעבן, צום ערשטן מאָל נאָך דעם פּאָעטס טויט, אײַנגעזאַמלטע לידער – בסך־הכּל[9] 71 – פֿון ישׂראל שטערן, אַ באַקאַנטער וואַרשעווער פּאָעט און זשורנאַליסט פֿון צווישן ביידע וועלט־מלחמות[10], וואָס איז אומגעקומען[11] אין עלטער פֿון 48 יאָר.

אין זײַן אַרומנעמיקן[12] אַרײַנפֿיר באַהאַנדלט יצחק ניבאָרסקי מיט טיף פֿאַרשטענדעניש און צום ערשטן מאָל דעם גאַנצן אוצר[13] פֿון שטערנס פּאָעטישע שאַפֿונגען.

ישׂראל שטערן איז געווען אַ רעליגיעזער ייִד וואָס האָט געשאַפֿן סורעאַליסטישע לידער – אַ זעלטענע קאָמבינאַציע אין זײַן תּקופֿה[14]. פּרץ מאַרקיש[15] האָט אַרײַנגענומען שטערנס אַ ליד, „ערשטנס, צווייטנס“, אין דער אַנטאָלאָגיע כאַליאַסטרע[16] פֿון 1922. אָבער שטערן איז געבליבן אַ חסיד[17] פֿונעם פֿילאָזאָף און זשורנאַליסט הלל צייטלין[18]. צוזאַמען מיט צייטלינען האָט ער אָנערקענט די נאַטור ווי פֿול מיט געטלעכקייט. שטערן האָט געלעבט אַליין, אין אָרעמקייט און הונגער, און איז נישט געווען קיין געזונטער. אין 1924 האָט זײַן פּאָעמע „פֿרילינג אין שפּיטאָל“ געמאַכט אַ רושם[19]. ער באַשרײַבט די נאָענטקייט צום אייבערשטן[20] פֿון די פּאַציענטן אין גסיסה[21]. אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט ער פּובליקירט, אין וואַרשעווער און אַמעריקאַנער צײַטשריפֿטן, נאָך 12 שפּיטאָל־לידער. שטערן איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל אָסטראָלענקע, צווישן וואַרשע און ביאַליסטאָק. זײַן בילדונג איז געווען אַ רעליגיעזע, אין צוויי ישיבֿות[22] פֿון דער מוסר־באַוועגונג[23]. אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שטערן געווען אין ווין[24], און מסתּמא[25] דאָרט זיך באַקענט מיט דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. פֿון 1919 אָן האָט ער געוווינט אין וואַרשע. ער האָט געלעבט בלויז פֿון זײַנע לידער און אַרטיקלען – און האָט געהונגערט. אין זײַן עסיי „ברויט און פּאָעזיע“ באַשרײַבט ער הונגער, און ס'איז קלאָר אַז ער קען גוט דאָס וועגן וואָס ער רעדט !

שטערן איז געווען אַן אונטערשטיצער[26] פֿונעם ייִדישן לשון[27] און אַ קעגנער פֿון פּאָלאָניזאַציע. מען האָט אים אײַנגעלאַדן ווי אַ רעדנער אויף פּרץ־אַקאַדעמיעס[28], ווו ער האָט געהאַלטן לעקציעס וועגן פּרצעס גײַסטיקער ירושה[29].

אין זײַן באַקאַנטן עסיי „קרוינען צום קאָפּ פֿון ייִדישער קריטיק“ (1926) פּרוווט ער פֿאַראינטערעסירן די וועלטלעכע[30] ייִדישע ליטעראַטן אין קבלה[31].

שטערנס באַליבטער אייראָפּעיִשער פּאָעט איז געווען די בערלינער ייִדישע דיכטערין עלזאַ לאַסקער־שולער[32]. ער האָט איבערגעזעצט אירע לידער און אויך אַנדערע לידער, פֿון דײַטש, פֿראַנצייזיש אָדער העברעיִש. ווען די היטלער־טעג אין דײַטשלאַנד זײַנען שוין געוואָרן אַ קאָשמאַר[33], האָט שטערן איבערגעזעצט פֿון העברעיִש די תּישעה־באָבֿ קינה[34] „פֿאַרברענטע ספֿר־תּורה[35]“ (1938).

אין 1929 האָט מיכאל וויײַכערט[36], דער דירעקטאָר פֿונעם עקספּערימענטאַלן ייִדישן יונג־טעאַטער אין וואַרשע, אַנגאַזשירט שטערנען איבערצוזעצן אויף ייִדיש שעקספּירס דער סוחר פֿון װענעדיג[37]. קיין ענגליש האָט שטערן ניט געקענט און האָט מסתּמא באַניצט אַ דײַטשישע איבערזעצונג. וויײַכערט האָט שטערנען באַזאָרגט מיט אַן ענגליש־רעדער, ער זאָל אים העלפֿן. די פֿאָרשטעלונגען האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. לײַדער איז די איבערזעצונג פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט שטערן באַקומען זײַן אייגענעם ווינקל[38] אין דער טאָגצײַטונג הײַנט : אַ חודשלעכע רובריק[39] „קריטישע באַמערקונגען“. ער פֿלעגט אָפּשאַצן נײַע ייִדישע און העברעיִשע ביכער און שרײַבן קריטישע קאָמענטאַרן וועגן אַקטועלע ענינים[40].

אין וואַרשעווער געטאָ איז שטערן געווען זייער אַקטיוו, געגעבן לעקציעס וועגן ליטעראַטור און פֿאָרגעלייענט זײַנע לידער. ווען און ווי אַזוי ער איז אומגעקומען ווייסן מיר נישט, מסתּמא געשטאָרבן פֿון הונגער. מען ווייס אַז אין געטאָ האָט ער אָנגעשריבן אַ סך לידער ; לײַדער זײַנען זיי אַלע פֿאַרלאָרן געגאַנגען. דערפֿאַר ענדיקט זיך די נײַע אײַנזאַמלונג מיטן יאָר 1939.



1. Andrew Firestone 2. YISROEL Shtern (1894-1942) 3. sera bientôt mis sous presse/about to go to press 4. BESHUTFES en commun/in conjunction with 5. KADIMA-... grande bibliothèque yiddish à Melbourne/large Yiddish library in Melbourne 6. site web/website www.YisroelShtern.org 7. YITSKHOK Niborski 8. Sharyn Madder 9. BESAKHAKL en tout/in all 10. MILKHOMES guerres/wars 11. a péri/perished 12. exhaustif/comprehensive 13. OYTSER trésor/treasure 14. TKUFE époque/period 15. PERETS Markish 16. *La Bande/The Gang* 17. KHOSID disciple/follower 18. HILEL Tseytlin (1872-1942) 19. ROYSHEM impression 20. Très Haut/God 21. ... KSISE mourants/dying 22. YESHIVES académies rabbiniques/rabbinic academies 23. MUSER ... mouvement Musar/Musar movement 24. Vienne/Vienna 25. MISTOME probablement/probably 26. défenseur/supporter 27. LOSHN langue/language 28. PERETS-... commémorations de Y. L. Peretz/Y. L. Peretz commemorations 29. ... YERUSHE héritage spirituel/spiritual heritage 30. laïques/secular 31. KABOLE Kabbale/kaballah 32. Elsa Lasker-Schüler (1869-1945) 33. cauchemar/nightmare 34. TISHE-BOV KINE lamentation récitée le 9 du mois d'av, jour de la destruction du Temple de Jérusalem/lament recited on 9th Av to mourn the destruction of the Temple in Jerusalem 35. SEYFER-TOYRE rouleau de la Thora/Torah scroll 36. MIKHOEL Michał Weichert (1890-1967) 37. ... SOYKHER ... *Le Marchand de Venise/The Merchant of Venice* 38. coin à lui/his own little corner 39. KHO'YDESHLEKHE ... rubrique mensuelle/monthy column 40. INYONIM sujets/matters *sing.* ענין INYEN.

# צוויי לידער פֿון ישׂראל שטערן



**אַ גאַס אין אָסטראָלענקע, ווו ישׂראל שטערן איז געבוירן געוואָרן.**

## אַ יתומל[1] לאַכט

אַ יתומל לאַכט אין צעריסענע בגדים[2],
שרעקט זיך און לויפֿט איבער גאַסן און געסלעך.

האָט עפּעס געגנבֿעט[3].
יאָגט מען אים נאָך[4].
ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן[5], קוקט זיך אַרום :
אַ שטאַל[6], אַ קאַלב. אַ קאַלב מיט צוויי אויגן ;
זיי, דאַכט זיך, דערציילן : די קו איז נישטאָ,
די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
אַ בודע[7]. אַ הונט. אַ הונט מיט צוויי אויגן ;
עס דאַכט זיך זיי שרײַען : מען האָט אונדז געשלאָגן,
גאָט, מען האָט אונדז געשלאָגן !

ציטערט דער קלײנער
און וויקלט און וויקלט דאָס בײַטעלע אויף[8] :
א שפּיגעלע – ברילן – אַ קופּערנע דיטקע[9].
פֿיו־או־או !
פֿלי־אי־אי־אי !

דאָס גנבֿל[10] שפּילט זיך מיט דעם ווינט און די וואָלקן
און שענקט זיי מזומן[11] :
אַ שפּיגעלע, ברילן, אַ קופּערנע דיטקע.

און לאַכט, לאַכט
שטייט און לאַכט.

פּאַקט[12] מען אים דאָ.
און ער שפּרינגט דורכן פּאַרקאַן און לויפֿט,
אַ יתום אין צעריסענע בגדים,
דורך דעם טאָג, דורך דער גאַס, דורך דער וועלט.

1921

## פֿרילינג אין שפּיטאָל

I

איז אַ וווּנדער, אַז די קראַנקע זענען לויטערע[13] און צאַרטע[14]
און פֿאַרקוקטע[15] ערגעץ ווײַט און זעען דאָס, וואָס קײנער זעט נישט,
ליגן שפּעט בײַ נאַכט און שמייכלען אין דער פֿינצטערניש אַרײַן,
און די בעטן גלעטן זיי פֿאַר פֿרייד, ווײַל ס׳ווערט זיי קלאָר אַ רעטעניש[16] ?

איז אַ וווּנדער, אַז די קראַנקע קומען אויף פֿון זייער דרימל[17]
רײַך און דופֿטיק[18] (ווי אין פֿרילינג כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף אַ זאָמען[19]),
ליגן פֿריש אין שטילע זאַלן און האָרכן[20] ווי בײַ זיי צוקאָפּנס[21]
האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פֿליג און עמעץ רופֿט זיי אָן בײַם נאָמען ?

איז אַ וווּנדער, אַז די קראַנקע זענען גרייט צו ווערן הייליק
און וואַרטן אָפּ די מעת־לעתן[22] מיט שׂימחה[23] ווי מען שיידט אָפּ מעשׂר[24]... –
איז אַ וווּנדער – ווען כּבֿיכול[25] שפּאַצירט אין רוים פֿון די שפּיטעלער,
ווי ס׳האָט זײַן גײַסט אַ מאָל געשוועבט[26] אויפֿן פֿלאַך פֿון ערשטן וואַסער !

[...]

V

וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל.
שלאַף[27], מע טאָר קיין סך נישט גיין, שפּאַצירט מען נאָענט : אין זיך אַליין
ווי אין אַ גאָרטן. אויסגעטאָרעט[28] ווי אַ בייט[29]. אַלע ביימער
דורכגעשטורעמט[30], אומגעזאַרקעט[31] און אויף יעדן טראָט אַ שטיין.

מע האָט צעשאָטן[32] די מעת־לעתן פֿולע פּויסטן ווי אַ פּויער,
און דער זייער[33] האָט געזונגען : „ערד איז אונדזער, פֿרײַ ווי צמחים[34]
וועלן מיר שטײַגן“ ! אין לײַב אין זעל[35] האָט טיף צעאַקערט[36] – הײַנט[37] פֿאַר וואָס זשע האָבן הינט
אַרויסגעשלעפּט די מעת־לעתן און אויף די פֿעלדער וואַקסן קנאָכן[38] ?

מען זעצט זיך אויף דעם רעשט פֿון טאָג ווי אויף אַ פּיען[39] וואָס בלײַבט פֿון בוים
אינעם טונקל קוקט מען : וועמעס שולד ? מ׳באַגרײַפֿט[40] : דער שומר[41] איז אַוועק פֿון דאָרטן...
פֿאַלט מען מיד אין קראַנקן בעט. און אַז דער וועכטער[42] וועקט צום טיי :
פֿעטער, היי[43], ווו ביסטו דאָרט ? ענטפֿערט מען : בײַ זיך אין גאָרטן.

[...]

1923



1. YO'SEML petit orphelin/little orphan ; *dim. de/of* יתום YOSEM 2. BGODIM vêtements/clothes, *sing.* בגד BEGED 3. GEGANVET volé/stole 4. on lui court après/they're chasing him 5. clôture/fence 6. étable/stall 7. niche/doghouse 8. déplie le portefeuille/unfolds the wallet 9. pièce en cuivre/copper coin 10. GA'NEVL petit voleur/little thief 11. MEZUMEN argent (espèces)/cash 12. attrape/catch 13. purs/pure 14. délicats/delicate 15. songeurs/staring 16. énigme/riddle 17. petit somme/nap 18. odorant/fragrant 19. graine/seed 20. écoutent/listen 21. à leur chevet/at their bedside 22. MES-LESN jours et nuits/days and nights 23. SIMKHE joie/joy 24. ... MAYSER donne la dîme/give the tithe 25. KAVYOKHL Dieu/God 26. flottait/floated 27. faible/weak 28. arraché/torn up 29. plate-bande/flowerbed 30. balayés par l'orage/assaulted by storms 31. renversés/thrown down 32. répandu, éparpillé/strewn, scattered 33. semeur/sower 34. TSMOKHIM plantes/plants 35. âme/soul 36. labouré/plowed 37. alors/so 38. des os/bones 39. souche/stump 40. on comprend/we understand 41. SHOYMER gardien, surveillant/guard, guardian 42. surveillant/watchman 43. hé, monsieur/hey you.

# כּפּרה[1]




שוין אַריבער ראָש־השנה[2], דאָס ייִדישע נײַיאָר, זײַנען מיר איצט אין יאָר תּשע״ה[3], דאָס הייסט, 5775. צען טעג נאָך ראָש־השנה קומט יום־כּיפּור[4], דער הייליקסטער טאָג פֿונעם יאָר.

**יום־כּיפּור** מיינט דער טאָג פֿון פֿאַרגעבונג[5], פֿונעם שורש[6] **כ פּ ר** , וואָס האָט צו טאָן מיט אויסקויפֿן[7] און אויסלייזן[8]. פֿונעם זעלבן שורש קומט אַ גאָר אינטערעסאַנט וואָרט, **כּפּרה**.

**יום־כּיפּור** רופֿט מען אויך יום־הדין[9], דער טאָג פֿון מישפּט[10]. לויט דער טראַדיציע איז דאָס דער טאָג ווען גאָט באַשטימט ווער עס וועט לעבן און ווער ס׳וועט שטאַרבן אינעם קומענדיקן יאָר. אין גמרא[11] שטייט געשריבן אַז דעם 1טן תּישרי[12] (ראָש־השנה) עפֿנט גאָט דאָס בוך פֿון לעבן (ספֿר־החיים[13]), און טיילט אײַן אַלע מענטשן אויף דרײַ קאַטעגאָריעס : די גוטע ווערן פֿאַרשריבן צום לעבן און די שלעכטע – צום שטאַרבן. די מיטעלע, וואָס זײַנען ניט אין גאַנצן גוט צי שלעכט, האָבן נאָך צען טעג זיך צו רייניקן פֿון זינד[14], ביז יום־כּיפּור, ווען דאָס בוך ווערט פֿאַרזיגלט[15]. דערפֿאַר דאַרף מען פֿאַסטן[16], דאַוונען[17], תּשובֿה טאָן[18] און בעטן מחילה[19]. און דערפֿאַר אויך ווינטשט מען זיך „לשנה טובֿה תּכּתבֿו ותּחתמו“[20] – „אויף אַ גוט יאָר זאָלט איר פֿאַרשריבן און פֿאַרזיגלט ווערן“, פֿאַרשטייט זיך, אין בוך פֿון לעבן.

איינער פֿון די סאַמע טשיקאַווע[21] מינהגים[22] פֿאַרבונדענע מיט יום־כּיפּור הייסט **שלאָגן כּפּרות**[23]. דאָס איז אַ ריטואַל מיט וועלכן מען קויפֿט זיך אויס פֿון די זינד פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר. יעדער ייִד קויפֿט אַ האָן[24] (פֿאַר אַ מאַנסביל) אָדער אַ הון[25] (פֿאַר אַ פֿרוי). ערבֿ[26]־יום־כּיפּור דרייט מען דעם עוף[27] דרײַ מאָל איבערן קאָפּ זאָגנדיק געוויסע פּסוקים[28] און מען פֿירט אים שעכטן[29]. סימבאָליש מיינט עס אַז דער האָן וועט זײַן דער אויסקויף פֿאַר דעם מענטשנס זינד. דעם האָן רופֿט מען די **כּפּרה** (אָדער **דאָס כּפּרה־הינדל**[30]). פֿון דעם געדאַנק נעמען זיך אין דער פֿאָלקשפּראַך אַ גאַנצע ריי אויסדרוקן וואָס האָבן ווייניק צו טאָן מיט רעליגיע און אַ סך צו טאָן מיטן טאָגטעגלעכן לעבן.

ווי באַלד אַ **כּפּרה** איז אַ סאָרט קרבן[31], וואָס באַצאָלט אויפֿן אָרט פֿון אַן אַנדערן, קען מען רופֿן **כּפּרה**[32] אַ מענטש אויף וועמען מע וואַרפֿט אַרויף די שולד פֿאַר יענעמס[33] זינד. דאָס קען טרעפֿן מיט קינדער אויך – אין קלאַס, צום בײַשפּיל, איז דאָ איין קינד וואָס כאַפּט פּעטש[34] פֿאַר אַלע אַנדערע. „יאַנקעלע, נעבעך[35], איז דעם לערערס **כּפּרה־הינדל**.“

דער געדאַנק אַז מיט אַ קלענערן קרבן קען מען ראַטעווען[36] עפּעס טײַערערס קומט אַרויס אינעם אויסדרוק **זאָל דאָס זײַן די כּפּרה פֿאַר...** צום בײַשפּיל, אַז מע צעברעכט אַ גלאָז און מע וויל זיך טרייסטן, קען מען זיך ווינטשן אַז די גלאָז זאָל זײַן דער פֿאַרטרעטער[37] פֿאַר ערגערע שאָדנס[38].

**ער ווערט נאָך איר די כּפּרה אָדער ער איז פֿאַר איר די כּפּרה** מיינט אַז ער איז אין איר אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט, אַז ער וואָלט זיך פֿאַר איר מקריבֿ געווען[39].

אַ שלעכטן מאַן קען מען רופֿן אַ **כּפּרהניק**[40] און אַ שלעכטע פֿרוי אַ **כּפּרהניצע**[41], דערפֿאַר וואָס מע וואָלט געוואָלט פֿון זיי פּטור ווערן[42].

**איך דאַרף עס אויף כּפּרות** (אָדער, נאָך בעסער, **אויף טויזנט כּפּרות**) מיינט : איך דאַרף עס אין גאַנצן ניט. „וואָס פֿאַר אַ נאַרישע מתּנה[43] האָט זי מיר געגעבן ? איך דאַרף עס אויף כּפּרות“.

**עס טויג**[44] **אויף כּפּרות** מיינט עס טויג אויף גאָרנישט, מע מעג עס גלײַך אַרויסוואַרפֿן. „פֿינף הונדערט אייראָס האָב איך באַצאָלט פֿאַר מײַן נײַעם ׳סמאַרטפֿאָן׳ – און ער טויג אויף כּפּרות“.

**אַ כּפּרה (אַלע) ... פֿאַר (אייך) ...** ! מיינט אַז דאָס צווייטע איז אַ סך בעסער ווי דאָס ערשטע : „**אַ כּפּרה** אַלע ליקערן[45] פֿאַר אַ גוט גלעזל בראָנפֿן[46] !“

**אַ שיינע ריינע כּפּרה** איז אַן איראָנישער אויסדרוק וואָס מע ניצט ווען מען איז צופֿרידן אַז מען איז פּטור געוואָרן פֿון עפּעס אָדער עמעצן : „מײַן טאָכטערס חבֿר[47] איז פֿון איר אַוועק – אַ שיינע ריינע כּפּרה !“[48]. מע זאָגט דאָס אויך ווען מע האַלט, אַז דער שאָדן וואָס עמעצער האָט געליטן איז אַ פֿאַרדינטער[49] : דער גנבֿ[50] האָט זיך צעבראָכן אַ פֿוס בײַם אַרײַנקריכן דורכן פֿענצטער – אַ שיינע ריינע כּפּרה !“[51]

1. KAPORE expiation, rachat/expiation, redemption 2. ROSHESHONE nouvel an juif/Jewish new year 3. TASHA' la date (5)775 exprimée en caractères hébraïques/the date (5)775 expressed in Hebrew characters 4. YONKIPER jour du Pardon/day of atonement 5. pardon 6. SHOYRESH racine/root 7. racheter/redeem 8. délivrer/ransom 9. YOM-HADIN jour du Jugement/Day of Judgment 10. MISHPET jugement/judgment 11. GEMORE Talmud 12. TISHRI premier mois du calendrier juif/first month of the Jewish calendar 13. SEYFER-HAKHAYIM livre de la vie/book of life 14. se purifier des péchés/cleanse of sin 15. scellé/sealed 16. jeûner/fast 17. prier/pray 18. TSHUVE … se repentir/repent 19. MEKHILE pardon/forgiveness 20. LESHONE TOYVE TIKOSEYVU VESEKHOSEYMU soyez inscrits et confirmés pour une bonne année/may you be inscribed and sealed for a good year 21. des plus curieux/most curious 22. MINHOGIM coutumes/customs 23. … KAPORES 24. coq/rooster 25. poule/hen 26. EREV veille/eve 27. OF volaille/fowl 28. PSUKIM versets/verses 29. abattre/slaughter 30. poulet/chicken 31. KORBN sacrifice ; victime/victim 32. *ici* bouc émissaire/*here* scapegoat 33. des autres/other people's 34. prend des coups/gets slapped 35. le pauvre/poor thing 36. sauver/save 37. substitut/substitute 38. dommages/harm 39. MAKRIV … se sacrifier/sacrifice himself 40. KAPO'RENIK 41. KAPO'RENITSE 42. POTER … se débarrasser/get rid of 43. MATONE cadeau/present 44. sert à/is good for 45. liqueurs 46. vodka 47. KHAVER petit copain/boyfriend 48. bon débarras/good riddance 49. mérité/deserved 50. GANEV voleur/thief 51. bien fait pour lui/serves him right.

# מאכלים[1] ווי אַ סגולה[2] צו אַ גוט יאָר

## פֿון אַניק פּרים־מאַרגולעס




יעדער ייִדישער יום־טובֿ[3] איז פֿאַרבונדן[4] מיט ספּעציעלע טראַדיציאָנעלע מאכלים, וואָס האָבן דערצו[5] אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. די שפּייַזן[6] וואָס מען עסט ראָש־השנה[7] זייַנען אויך שטאַרק סימבאָליש. דאָס זעט מען שוין אין דער גמרא[8], ווו מע קען לייענען וועגן פֿינף מינים[9] וואָס מע דאַרף עסן צום נייַעם יאָר : קאַבאַק[10], גריכיש היי[11], פּאָרע־ציבעלע[12], שפּינאַט (אָדער באָטווינע[13]) און טייטלען[14]. די אַנדערע שפּייַזן וואָס ליגן הייַנט צו טאָג אויף ייִדישע טישן האָבן זיך באַוויזן שפּעטער.

ראָש־השנה דאַרף מען עסן זיסע זאַכן, ניט קיין זויערע. דאָס איז אַ סגולה צו אַ זיס יאָר און דאָס איז די סיבה[15] פֿאַר וואָס עס פֿעלט נישט אויף קיין ייִדישן טראַדיציאָנעלן טיש ראָש־השנה, ערבֿ־יום־כּיפּור[16] און אויך סוכּות[17] אַ טעפּעלע האָניק[18]. אַן אַלטער מינהג[19] איז אויך צו עסן אַ נייַע פֿרוכט די צווייטע נאַכט ראָש־השנה.

וואָס שייך[20] גרינסן[21] און פֿרוכטן עסט מען בייַ די ספֿרדים[22] שפּינאַט און פּאָרע־ציבעלע ; בייַ די איטאַליענישע ייִדן – קירבעס (דיניע)[23], און בייַ די אַשכּנזים[24] – עפּל און פֿלוימען[25]. דאָס ערשטע מאָל ווען מען לייענט וועגן עסן אַן עפּל ראָש־השנה איז אין מחזור וויטרי[26], אַ ספֿר[27] וואָס מע האָט צונויפֿגעשטעלט אין 1100 אין פֿראַנקרייַך, נישט ווייַט פֿון טרואַ[28]. מע קען דאָרטן לייענען : „די פֿראַנצייזישע ייִדן עסן ראָש־השנה אַ רויטן עפּל“. די אַשכּנזים אין דייַטשלאַנד האָבן אָנגענומען דעם פֿראַנצייזישן מינהג.

אַ פֿאַרשפּרייטע טראַדיציע הייַנט צו טאָג איז אייַנצוטונקען אַ רעפֿטל[29] עפּל אין האָניק. דער ערשטער וואָס האָט אים באַשריבן איז געווען רבי יעקבֿ בן אָשר[30], אין זייַן ספֿר אַרבעה טורים[31]. ער איז געבוירן געוואָרן אין דייַטשלאַנד אין 1260 און בשעת[32] די רדיפֿות[33] קעגן ייִדן סוף[34] דרייַצנטן יאָרהונדערט איז ער אַנטלאָפֿן מיט זייַן משפּחה[35] קיין שפּאַניע אין 1303. זייַן ספֿר איז געוואָרן די באַזע צו פֿאַראייניקן די דינים[36] אי[37] פֿאַר אַשכּנזים אי פֿאַר ספֿרדים.

עס איז דאָ נאָך אַ מינהג וואָס איז ווערט מע זאָל אים דערמאָנען : עסן מערן־צימעס[38]. דאָס דערמאָנט אונדז דעם פּסוק[39] פֿון בראשית א : כ"ח[40], „פּרו ורבֿו“, וואָס מיינט „פֿרוכפּערט אייַך און מערט אייַך“[41]. ווי באַלד דער ווערב „מערן“ קלינגט פּונקט ווי דער סובסטאַנטיוו „מערן“, איז דאָס דאָזיקע גרינס פֿאַרבונדן מיט ראָש־השנה צווישן ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן.

עסט געזונטערהייט און זאָל אייַך וווּל באַקומען !

### שפּריכווערטער[1]

- דער מענטש זינדיקט[2] און דער האָן[3] ווערט די כּפּרה[4].
- אַ כּפּרה[5] געלט – אַבי[6] דער כּבֿוד[7] איז גרויס.
- אַ קליין איי איז אויך אַ כּפּרה. [ווייַל אויב מע האָט ניט קיין האָן, מעג מען ניצן אַן איי ווי אַ כּפּרה.]
- אַ גאַנץ יאָר האָדעוועט[8] מען די כּפּרה[9], און ערבֿ יום־כּיפּור[10] פֿליט זי אַוועק.
- אַ כּפּרה אַ יחיד[11] פֿאַר אַ רבים[12]. [די אַלגעמיינע[13] אינטערעסן זענען וויכטיקער ווי די פּריוואַטע.]
- וואָס קומט אַרויס דעם האָן, וואָס ער קוקט אין בני־אָדם[14] אַרייַן – אַ כּפּרה ווערט ער דאָך[15]. [דאָס קומט פֿונעם ווערטל „אַרייַנקוקן ווי אַ האָן אין בני־אָדם“ (וואָס מיינט „גאָרניט פֿאַרשטיין“), נאָר דאָ מיינט עס אַז מע קען ניט אַנטלויפֿן פֿונעם גורל[16].]
- צרות[17] טויגן אויף כּפּרות[18].

1. proverbes/proverbs 2. pèche/sins 3. coq/rooster 4. … KAPORE est puni/is punished 5. au diable/to hell with 6. pourvu que/as long as 7. KOVED honneur/honor 8. on nourrit/feed 9. *ici* poule/*here* hen 10. EREV-YONKIPER la veille de Yom Kippour/eve of Yom Kippur 11. YOKHED individu/individual 12. RABIM collectivité/community 13. général 14. BNEY-ODEM "Enfants d'Adam", prière récitée la veille de Yom Kippour/"Children of Adam", prayer said on the eve of Yom Kippur 15. quand même/nevertheless 16. GOYRL destin/fate 17. TSORES soucis/troubles 18. … KAPORES ne servent à rien/are good for nothing.

1. MAYKHOLIM mets/dishes 2. SGULE formule, recette/recipe, remedy 3. YONTEF fête/holiday 4. lié/connected 5. de plus/in addition 6. plats/foods 7. ROSHESHONE nouvel an juif/Jewish new year 8. GEMORE Talmud 9. espèces/species 10. courge/squash 11. fenugrec/fenugreek 12. poireaux/leeks 13. épinards ou feuilles de betterave/spinach or beet leaves 14. dattes/dates 15. SIBE raison/reason 16. EREV-YONKIPER la veille de Yom Kippour/eve of Yom Kippur 17. SUKES Soucot/Sukkot 18. pot de miel/pot of honey 19. MIN(H)EG coutume/custom 20. … SHAYEKH en ce qui concerne/as for 21. légumes/vegetables 22. SFARDIM sépharades/Sephardic Jews 23. courge/squash 24. ASHKENAZIM ashkénazes/Ashkenazi Jews 25. prunes/plums 26. MAKHZER VITRI Mahzor Vitry 27. SEYFER livre religieux/religious book 28. Troyes (eastern France) 29. tranche/slice 30. REB YANKEV BEN OSHER Rabbi Jacob ben Asher 31. ARBE TURIM 32. BESHA'S pendant/during 33. REDIFES persécutions 34. SOF fin du/end of 35. MISHPOKHE famille/family 36. DINIM lois/laws 37. à la fois… et/both… and 38. plat cuisiné de carottes sucrées/dish of sweet stewed carrots 39. POSEK verset/verse 40. BREYSHIS Genèse/Genesis (1 : 28) 41. PRU URVU croissez et multipliez/be fruitful and multiply.







**[סוף פֿון ז׳ 1]**

פּרטים, טרוקענע פּרטים וועגן עמעצן וואָס האָט תּמיד[35] באַשריבן אַ וועלט מיט אומבאַשטימלעכע[36] מענטשן. אַפֿילו וועגן זײַנע ווערק וויל ער נישט (און מיר קענען נישט) באַשטימען וואָס זיי זענען : ראָמאַנען, ביאָגראַפֿיעס, אויטאָביאָגראַפֿיעס ? ווען עס איז דערשינען זײַן בוך „דאָראַ ברודער" (וועגן אַן אמתער[37] געשטאַלט, אַ יונג פּאַריזער ייִדיש מיידל, אַן אומגעקומענע[38] בשעת דער מלחמה[39]) האָט ער געזאָגט אין אַן אינטערוויו : „אין דער אמתן[40] האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט דעם אײַנדרוק אַז איך שרײַב ראָמאַנען, נאָר אַז מיר חלומען זיך[41] שטיקלעך ממשות[42] וואָס דערנאָך פּרוּוו איך זיי, ווי מעגלעך, צונויפֿקלײַבן אין אַ בוך".

אין פּאַטריק מאָדיאַנאָס ביכער שאַפֿן אָט די שטיקלעך, אַלע מאָל ענלעכע[43], אַ ממשות וואָס איז אַלע מאָל אַנדערש. די וועלט, די מענטשן זענען באַכּישופֿדיקע[44] קאַלעידאָסקאָפּן : אָן אַן איבערגאַנג ווערט פֿון חלום[45] ממשות, פֿון גוטע מענטשן – רשעים[46], פֿון פֿאַרגאַנגענהייט – איצטיקייט, פֿון פֿרײַהייט – אָקופּאַציע, פֿון פֿאַרשוינען[47] – שאָטנס, פֿון פּאַריז – אַ מיראַזש (און קאַפּויער[48]). אַגבֿ[49] איז דער טאַטע פֿון שלעמילאָוויטש (איינער פֿון מאָדיאַנאָס גילגולים[50]) דער פֿאָרזיצער[51] פֿון אַ פֿירמע „קאַלעידאָסקאָפּ Ltd". און די לייענערס בלאָנדזשען[52] און געפֿינען זיך אַליין[53] אין אָט דעם קאָפּשווינדל[54].

„מאָדנע"[55], האָט אַ געוווינהייט צו זאָגן עמעצער וואָס מע רופֿט אים פּאַטריק מאָדיאַנאָ.

35. TOMID toujours/always 36. indéfinissables/indefinable 37. E'MESER ... personne réelle/real person 38. assassinée/dead 39. MILKHOME guerre/war 40. ... E'MESN à vrai dire/in fact 41. ... KHO'LEMEN ... je rêve de/I dream of 42. MAMOSHES morceaux de réalité/fragments of reality 43. semblables/similar 44. BAKI'SHEFDIKE envoûtants/bewitching 45. KHOLEM rêve/dream 46. RESHOIM méchants/villains, *sing.* רשע ROSHE 47. personnes/persons 48. et inversement/and the opposite 49. AGEV à propos/by the way 50. GILGULIM avatars, *sing.* גילגול GILGL 51. président/head 52. errent/wander around 53. eux-mêmes/themselves 54. vertige/giddiness 55. bizarre/strange.

**[סוף פֿון ז׳ 2]**

קאָן אַרײַנציִען אין זיך דאָס קולטורעלע לעבן, אַנטוויקלען זײַן באַוווּסטזײַן[39] [און] פֿאַרברייטערן זײַן השׂכּלה[40]".

פֿאַר די בונדיסטן וואָס האָבן געגרינדט אונדזער ביבליאָטעק זענען מעדעמס טעאָריעס און זײַן טעטיקייט[41] געווען גאָר אַ וויכטיקער ענין[42]. אָבער אויך פֿאַר אונדז הײַנט צו טאָג סימבאָליזירט מעדעמס לעבנסוועג יסודותדיקע[43] עלעמענטן פֿון אונדזער קולטור־אַרבעט.

וולאַדימיר מעדעם איז ניט געווען געבונדן צו אַ רעליגיע, אַ נאַציאָנאַליטעט, אַ לאַנד צי אַפֿילו אַ שפּראַך אין וועלכע ער איז געבוירן אָדער וועלכע זײַנע טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַר אים אויסגעקליבן. ער איז געווען אַ קולטורמענטש מיט גרויסע השׂגות[44], וואָס האָט געזוכט זײַן אייגענעם וועג און איז געקומען דווקא[45] צו ייִדיש. מעדעם האָט זיך געזען ווי אַ ייִד צוליב אַ קולטור און אַ שפּראַך וואָס ער האָט אָנגענומען און ער האָט זיך תּמיד[46] אָפּגעהיט פֿון ייִדישן שאָוויניזם. עס איז טאַקע זייער וויכטיק אַז אונדזער וועלטלעכע ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס איז אָפֿן פֿאַר אַלעמען און וואָס איז אי ייִדישלעך אי אוניווערסעל, זאָל טראָגן מעדעמס נאָמען. מיר האָפֿן אַז זי וועט בלײַבן אַ קוואַל[47] פֿון אינספּיראַציע און נחת־רוח[48] נאָך אויף לאַנגע יאָרן, ווי אירע גרינדערס און מיטאַרבעטער פֿון אַלע דורות[49] האָבן זיך געווונטשן.

39. développer sa conscience/raise his conciousness 40. ... HASKOLE *ici* approfondir son instruction/*here* broaden his education 41. activité/activity 42. INYEN sujet/matter 43. YESO'YDESDIKE fondamentaux/basic 44. HASOGES aspirations 45. DAFKE précisément/precisely 46. TOMID toujours/always 47. source 48. NAKhES-RUEKh plaisirs de l'esprit/spiritual pleasure 49. DOYRES générations, *sing.* דור DOR.


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, טל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליע, עוולין, רובי.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem


29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס